בעז"ה



# מחשבות

מחשבות און געדאנקען אין עבודת השי"ת

פרשת תצוה - זכור

גליון קלה שנה ד

בהכוונת
ע"י מכון מחשבת החינוך
המחנך הנפלא
הרב שלמה טייטלבוים שליט"א


## וואס האט זיך דא אפגעשפילט?

פורים האבן מיר פיר ספעציעלע מצוות, מצוות וואס זענען נישטא אין אנדערע ימים טובים, צוויי פון די מצוות זענען זייער פארשטענדליכע מצוות, די מצוה פון קריעת מגילה דאס איז זייער קלאר פארוואס מ'ליינט די מגילה כדי צו דערציילט און מפרסם די גרויסע נס וואס ס'איז דא געווען מיר זאלן וויסן אויף וואס איז דער יום טוב, אזוי אויך די מצוה פון מאכן א סעודה איז זייער א פארשטענדליכע מצוה, יעדע יום טוב איז דא די מצוה פון א סעודה, דאס איז א וועג ווי אזוי מ'פרייט זיך.

אבער די אנדערע צוויי מצוות די מצוות פון מתנות לאביונים און משלוח מנות זענען אסאך ווייניגער פארשטענדליך, וואס האט צו טוהן משלוח מנות און מתנות לאביונים מיט פורים? צדקה מוז מען דאך געבן א גאנץ יאהר נישט נאר פורים, פארוואס האט מען דא מתקן געווען אזעלכע צוויי מצוות וואס מ'טרעפט זיי נישט אין די אנדערע ימים טובים? אויך ביים נס אליין טרעפט מען נישט עפעס א זאך וואס ס'איז געשעהן דורך צדקה אדער דורך משלוח מנות וואס מ'קען זאגן אז דאס איז א זכר צו דעם, איז פארוואס האבן מרדכי און אסתר מתקן געווען די צוויי מצוות?

די גמרא אין מגילה זאגט: די תלמידים האבן געפרעגט רבי שמעון בר יוחאי פארוואס זענען נתחייב געווארן די יודן אין יענעם דור כליה - צו ווערן געהארגעט, האט זיי רבי שמעון געענטפערט ווייל זיי האבן הנאה געהאט פון די סעודה פון אחשוורוש, און פארוואס אויב אזוי זענען די יודן פון די גאנצע וועלט געווען שולדיג און נישט נאר פון שושן? האט ער זיי געענטפערט ווייל זיי האבן זיך געביקט צום צלם.

וואס איז געווען דער צלם? נבוכדנצר הרשע האט געמאכט א גרויסע צלם און זיין בילד און די גאנצע וועלט איז זיך געקומען ביקן צום גרויסען קעניג נבוכדנצר.

מ'דארף דא פארשטיין וואס איז געווען די גרויסע עבירה וואס די יודן האבן דא געמאכט, מיר ווייסן אז אין די צייט פון בית המקדש האבן א גרויס חלק פון כלל ישראל געדינט עבודה זרה, מיר טרעפן טאקע אז דער אייבישטער האט זיי געשטראפט און די פלישתים זענען געקומען מלחמה האלטן קעגן זיי, אבער פונדעסטוועגן האט מען נישט געזעהן אין קיין שום דור אז פאר די עבירה פון עבודה זרה ווערט מען מחויב מיט כליה - אפמעקן די גאנצע פאלק, נאר דא טרעפט מען אזא שרעקליכע שטראף אויף דעם.

נאך מער, דא איז דאס אפילו נישט געווען א ריכטיגע עבודה זרה, נבוכדנצר האט זיך נישט געהאלטן פאר א ג-ט, ס'איז געווען א צייכן פון זיך אונטער געבן צו זיין גרויסע מלוכה, איז וואס איז דא געווען די גרויסע עבירה אז וועגן דעם איז מען מחוייב געווארן כליה?

ווען אסתר המלכה האט געוואלט גיין רעדן מיט'ן קעניג און אויס פוילן א ישועה, האט זי געבעטן פון מרדכי "לך כנוס את כל היהודים וצומו עלי ואל תאכלו ואל תשתו שלושת ימים" אסתר המלכה בעט דא פון מרדכי צוויי זאכן, א. כנוס את כל היהודים - רוף צוזאם אלע יודן. ב. וצומו עלי - מ'זאל פאסטן דריי טעג. די בקשה פון אסתר מ'זאל פאסטן איז זייער פארשטענדליך, זי וויל מ'זאל אויסבעטן רחמים פאר איהר, אבער צו וואס האט אויסגעפעלט איינצוזאמלען אלע יודן? וואס איז שלעכט ווען יעדער איינער וועט פאסטן ביי זיך אינדערהיים? פארוואס איז געווען וויכטיג דו פאסטן צוזאמען? וואס האט זי געוואלט אויס פוילן מיט דעם?

*

ר' מענדל איז אריין געקומען צו די חתונה זאל, ער האט אנגעהויבן אויף צו שטעלן זיינע כלים, ער כאפט א בליק אויף די שיינע זאל וואס ער גייט דא היינט זינגען, זעהט אויס אז די בעלי שמחה זענען טאקע גרויסע גבירים, אזא שיינע זאל אזוי שיין צוגעשטעלט, און נאך באצאלט אזוי שיין, זיינע אויגן שפאצירן ארום אין די זאל עפעס זעהט דא אויס מאדנע ער כאפט נאך נישט וואס, און פלוצלינג איז אים שווארץ געווארן פאר די אויגן, ער כאפט שוין וואס ס'האט אים דא נישט געשטימט, די זאל איז געווען אויס געשטעלט אויף זייער א ספיציעלע שיינקייט פאר א חתונה, אבער איין וויכטיגע זאך האט געפעלט - א מחיצה.

ר' מענדל האט נישט געהאט א ספק וואס ער האט צו טוהן, ער צו געגאנגען צו די כלה'ס טאטע, דער יוד וואס האט אים באשטעלט און אים געזאגט אז עס קומט נישט אין באטראכט אזוי צו זינגען און ער האט א ברירה אויף צו שטעלן מחיצות אדער ער פאקט צוזאם זיינע זאכן און ער גייט זיך אהיים.

וואס?! - האט דער מחותן געגעבן א געשריי - דו קענסט

נעקסטע גליון וועט ערשיינען אי"ה לכבוד שב"ק פרשת ויק"פ



## דבר העורך

אין פרשת תצוה זעהן מיר ווי אזוי משה רבינו האט געהייליגט אלע כלים פון די משכן ס'זאל באקומען א קדושה, שטייט אין פסוק "שבעת ימים תכפר על המזבח וקדשת אותו והיה המזבח קודש קדשים" – זיבן טעג וועסטו מאכן די גאנצע סדר הקרבנות אזוי ווי איך האב דיר געהייסן און דער מזבח וועט ווערן "קודש קדשים".

פון וועלכע מזבח רעדט זיך דאס? פון דער מזבח החיצון וואס שטייט אין חצר און מ'איז מקריב אויף אים די קרבנות, דער מזבח וועט ווערן קודש קדשים.

און וואס איז מיט דער אנדערער מזבח, דער מזבח הזהב דער וואס איז געווען אין אוהל מועד אינעווייניג דער נענטסטער צום קודש הקדשים וואס אויף אים האט מען מקטיר געווען די קטורת, אויף אים שטייט אויך א פסוק "וקדשת אותו ואת כל כליו והיה המזבח קודש" דער מזבח וועט אויך זיין קודש – הייליג.

איז וועלכע מזבח איז מער הייליג? דער וואס שטייט אינעווייניג לעבן די קודש הקדשים און מ'מאכט אויף אים די חשוב'סטע עבודה - די קטורת אדער דער מזבח החיצון וואס שטייט אין חצר און אויף אים איז מען מקריב די קרבנות? ווי אזוי קען דאס זיין אז דער מזבח הפנימי איז נאר "קודש" ווען דער פון אינדרויסן איז "קודש קדשים"?

נאר, ס'איז קלאר אז דער אינעווייניגסטע מזבח האט געהאט א גרעסערע קדושה פון דער מזבח החיצון, אבער דווקא וועגן דעם, דווקא ווייל ער איז געווען אינדרויסן און ער האט צו טוהן מיט אלעס וואס ס'גייט אינדרויסן האט דער אייבישטער געזאגט פאר משה זאל מאכן עקסטערע פעולות זיבן טעג פון קרבנות כדי אים צו ברענגען צו א מדרגה פון קודש קדשים.

אזוי איז אויך יעדער איינער פון אונז, ווען א יוד איז אינעווייניג אין בית מדרש ווען ער איז א בחינה פון א מזבח הפנימי, דעמאלס איז ער ארום גענומען מיט קדושה פון אלע זייטן ער קען זיך פארלאזן אויף די שמירה און בלייבן הייליג, אבער דווקא ווען מ'מוז ארויס גיין אינדרויסן דווקא ווען מ'איז א מזבח החיצון, מ'דרייט זיך אינדרויסן צווישן אנדערע סארטן מענטשן מוז מען מאכן פעולות צו לייגן גדרים און סייגים, זיך צו ברענגען צו א מצב פון קודש קדשים, כדי מ'זאל נישט געשעדיגט ווערן פון וואס ס'געשעהט אינדרויסן פון גבולות הקדושה.

א גוטן שבת

נישט טוהן אזא זאך, דו גייסט נישט אין ערגעטס.

ביסט גערעכט - האט ר' מענדל געענטפערט - איך בין א יוד איך קען טאקע נישט טוהן אזא זאך, און איך זינג נישט אויף אזא פראסטע פלאץ

אבער דו ביסט דאך דער זינגער דא ביי די חתונה, אונז האבן נישט גערופן א צווייטער - האט דער טאטע נישט אפ געלאזט - דו קענסט אונז נישט לאזן אן א זינגער.

האסט א ברירה צו מאכן מחיצות - האט ר' מענדל געענטפערט מיט א שטאלצע רוהיגקייט.

אבער דארפ'סט פארשטיין - האט ער ווידער פראבירט - מיר זענען דא אלע נאר משפחה.

איך דארף גארנישט פארשטיין - האט זיך ר' מענדל געהאלטן שטארק - איך בין א יוד און איך זינג נישט אין א פלאץ וואס דער אייבישטער וויל נישט.

ס'איז געווארן א גאנצע טומעל אין די זאל, די עולם פראבירט אים אן צו רעדן ער זאל בלייבן אבער ר' מענדל האט זיך נישט געלאזט פון קיינעם.

פון ווייטנ'ס איז די כלה געקומען צו לויפן, זי האט געהערט די גאנצע מעשה און מיט טרערן אין די אויגן האט צו זיך געבעטן צו ר' מענדל.

איך האב דיר באשטעלט, איך האב זייער ליב חסידישע ניגונים איך הער דיר זייער אסאך, איך האב מיך ממש געבעטן צו מיין טאטע ער זאל מסכים זיין דו זאלסט קומען, ביטע צושטער נישט מיין שמחה - האט זי זיך צו וויינט.

איך בין מסכים צו זינגען נאר לייגט'ס מחיצות און איך הייב שוין אן די שמחה.

אבער ס'איז נישט שייך צו לייגן מחיצות אין דעם זאל - בעט זיך די כלה - מיר זענען דא איין גרויסע משפחה, און זיי וועלן דאס נישט צו לאזן.

ס'זאל דיר זיין קלאר - האט ר' מענדל אויסגערופן - איך זינג נישט אין א פלאץ וואס איז געמישט, איך זינג נישט אין א פלאץ וואס דער אייבישטער וויל נישט, ס'איז נישטא פון וואס צו רעדן.

אבער מיר האבן דיר געצאלט צעהן טויזנט דאללער - האבן זיך די עלטערן געטענה'ט - דו קענסט דיך נישט ארויס דרייען, דו האסט געמוזט זאגן פריהער אז דו זינגס'ט נישט אויף אזעלכע פלעצער.

ס'איז מיר גארנישט איינגעפאלן אז איינער רופט א חסידישער זינגער צו א געמישטע פלאץ - האט ר' מענדל געטענה'ט - אבער איך בין מסכים צוריק צו געבן די גאנצע געלט שוין יעצט, איך בין מוותר אויף צעהן טויזנט דאללער און איך זינג נישט אויף אזא פלאץ.

נאך מער - האט ר' מענדל צו געלייגט - איך בין מסכים צוריק צו געבן די געלט און בלייבן זינגען בחנם די גאנצע נאכט אויב איהר זענט מסכים צו לייגן מחיצות.

איך בין מסכים צו מוותר זיין אויף געלט, אבער איך בין נישט מסכים צו מוותר זיין אויף מיין יידישקייט - האט ר' מענדל אויס געפירט און געשלאסן די שמועס.

אזוי ווי זיי האבן נישט מסכים געווען צו לייגן א מחיצה, האט ר' מענדל נישט געהאט א ברירה און אנגעהויבן צו פאקן זיינע כלים, און אנגעהויבן ארויס צו גיין פונעם זאל.

איך בעט דיר צוווארטן נאך איין מינוט און צו הערן וואס איך זאג דיר - איז צו געקומען צו אים איינער פון די געסט - איך בין זייער א גרויסער און א באקאנטער אדוואקאט, זאלסטו וויסן אז די מעשה גייט דיר קאסטן זייער טייער, איך רעד נישט פון צוריק געבן די צעהן טויזנט וואס דו האסט באקומען, ס'וועט דיר נאך קאסטן זייער אסאך אויף דעם וואס דו האסט אוועק געהרגעט די שמחה, דאס קען צו קומען לפחות צו נאך צען טויזנט אדער מער, איך גיי דיר נישט מוותר זיין, טראכט איבער אויב דאס לוינט זיך דיר, דו ווייסט נישט מיט וועמען דו האסט דא צו טוהן.

איך האב אוועק געגעבן צעהן טויזנט דאללער און איך בין מסכים אוועק צו געבן נאך צוואנציג און פון מיין יידישקייט וועל איך מיך נישט אוועק רירן - האט אים ר' מענדל געענטפערט מיט א רוהיגקייט - איך בין פריילעך און שטאלץ צו באצאלן פאר וואס איך גלייב, דער אייבישטער איז פאר מיר טייער און איך בין מסכים צו באצאלן פאר אים.

טראכט אויך אויף די שלעכטע נאמען וואס דו גייסט באקומען, קיינער פון אונז וועט דיר מער נישט רופן צו א שמחה, ווער וויל רופן אזא זינגער וואס אנטלויפט ווען עפעס געפעלט אים נישט.

דער איינציגסטער וואס איך וויל פאר אים געפעלן - האט אים ר' מענדל געענטפערט - איז דער אייבישטער אליין, און ווען ס'געפעלט אים וואס איך טוה איז מיר נישט וויכטיג וואס דו און דיין משפחה טראכטן.

ר' מענדל האט גענומען זיינע זאכן און ארויס פון זאל.

אין די האלבע יאהר נאך די חתונה האט ר' מענדל געדארפט קומען אפאר מאל אין בית משפט און באצאלט זייער אסאך געלט צו בארוהיגן די משפחה אויף די שמחה וואס ער האט זיי צושטערט, און אויף די צער וואס זיי האבן געהאט ווען ער האט זיי איבער געלאזט אן א זינגער ביי די חתונה, ר' מענדל האט דאס באצאלט מיט גרויס שמחה אויף דעם וואס ער האט זוכה געווען צו מקיים זיין "בכל מאודך" און באצאלן אויף דעם וואס ער האט אים געוועלט צו זיין א ערליכער יוד.

צוויי יאהר זענען אריבער.

איין טאג באקומט ר' מענדל א טעלעפאן קאל אז מ'רופט אים צו זינגען אויף א פדיון הבן, די ערשטע זאך פרעגט ער אויב ס'איז דא א מחיצה - א שאלה וואס ער האט זיך צו געוואוינט צו פרעגן די לעצטע צוויי יאהר - און אזוי ווי ער האט געהערט אז ס'איז בסדר האט ער אפ געמאכט די צייט און אנגענומען די שמחה.

ווען ר' מענדל איז אנגעקומען צו די זאל איז ער געווען אינגאנצן שאקירט, די משפחה וואס ער האט נישט געוואלט זינגען ביי זייער חתונה זענען דא די בעלי שמחה, און יא, ס'איז דא א מחיצה.

וואס גייט דא פאר? - האט זיך ר' מענדל געוואונדערט.

ברוכים הבאים - זענען צו געקומען צו אים די יונגע עלטערן.

דו וואונדערסט זיך זיכער אויף וואס דו טוהסט דא, דו פארשטייסט נישט פארוואס מיר האבן דיר נאכאמאל גערופן, אבער באלד וועסטו שוין אלעס פארשטיין.

דער יונגער טאטע האט שטיל געמאכט די גאנצע עולם, און געבעטן צו רעדן אפאר ווערטער פאר מ'הייבט אן דעם פדיון הבן.

טייערע געסט - האט ער אנגעהויבן זיינע ווערטער.

זיכער געדענקט איהר אלע וואס ס'איז פארגעקומען ביי אונזערע חתונה מיט דעם זינגער וואס האט אפ געלאזט און נישט געוואלט זינגען, זיכער געדענקט איהר ווי אזוי די גאנצע חתונה איז דער זינגער געווען דער שמועס, ווי אזוי ער האט אפ געלאזט די חתונה און פארלוירען געלט וועגן זיין פרומקייט.

אסאך פון אונז האבן נישט געקענט פארשטיין ווי אזוי א מענטש קען פארלירן געלט וועגן פרומקייטן, ווי אזוי א מענטש קען אוועק הרגענען זיין קאריערע וועגן יידישקייט.

אבער איך מיט מיין ווייב - דער חתן און די כלה - ווען מיר זענען אהיים געגאנגען נאך די צושטערטע חתונה, האבן אונז אנגעהויבן אדורך שמועסן און טראכטן ביי אונז.

איז דען דא עפעס אין לעבן, האבן אונז געוויסע עקרונות אין אונזערע לעבן וואס מיר זענען מסכים אוועק צו געבן פאר דעם צעהן טויזנט דאללער? איז דען דא אין אונזערע לעבן עקרונות און מצוות וואס מיר זענען מסכים צו האבן בזיונות פאר דעם?

זענען אונז געגוג שטארק און שטאלץ מיט אונזערע גלויבן אז מיר זענען מסכים אוועק צו געבן און פארלירען פון אונזער געלט און כבוד פאר דעם?

און מיר זענען געקומען צו די מסקנא אז אונז זוכן נאר א גרינגע און א באקוועמע לעבן, און ווען עפעס פאסט נישט אדער לוינט נישט, פראבירט מען זיך ארויס צו דרייען פון דעם, מיר זענען געקומען צו די מסקנא אז אונז האבן זיך וואס צו שעמען מיט אונזער אויף פירן, מיר זענען ליידיגע כלים, מיר האבן נישט קיין איין זאך וואס מיר זענען מסכים פארדעם אוועק צו געבן פון אונזערע כבוד אדער פון אונזערע געלט, איז דאס יידישקייט? קען מען אזוי זיין א ריכטיגע ייד?

מיר האבן אנגעהויבן ארויף צו קוקן אויף ר' מענדל וואס האט זיך פון גאר נישט געשעמט און מסכים געווען צו פארלירן זיין פרנסה און זיין נאמען, אבי נישט עובר צו זיין אויף א איסור פון די תורה.

# שאלות ותשובות

**שאלה:** איך בין גאנץ א נארמאלע רוהיגע בחור אין ישיבה, אבער איך האב א גרויסע פראבלעם, ס'איז דא א בחור אין ישיבה וואס דערגייט מיר די יאהרן, ער פייניגט מיך אין יעדע געלעגנהייט וואס ער האט, סיי מיט די מויל און סיי מיט די הענט, איך וויל נישט אריין גיין אין קריגערייען ס'איז נישט מיין שפראך, אבער איך קען עס נישט מער פארטראגן, איך ווייס נישט וואס צו טוהן אים אפ צו שטעלן?

תשובה: לעצטע וואך זענען מיר געקומען צו די מסקנא אז איינער וואס רודף'ט א צווייטער קומט עס נישט פון דעם וואס דער רודף איז א שטארקער, נאר פארקערט ס'קומט פון דעם וואס ער איז זייער צוקלאפט ביי זיך אינעווייניג און פראבירט עס צו באהאלטן און צו כאפן א שטארקייט דורך דעם וואס ער טשעפעט אנדערע וואס זיי זעהן אים אויס שוואכער פון אים.

מיר זענען געבליבן מיט א גרויסע ספק אויב מ'מעג אים צוריק געבן ער זאל זיך אפ לערנען נישט צו טשעפען, אדער מ'מעג נישט צוריק געבן וועגן לא תיקום? און אויב אזוי ביז ווי ווייט מוז מען ליידן פון אזא איינער? און ווי אזוי קען מען אים יא אוועק שטעלן אויפ'ן פלאץ?

דער ספר החינוך אויף די מצוה פון ”לא תונו איש את עמיתו” מאכט א קלארע סדר אין דעם ענין, און שטעלט אוועק א יסוד וואס וועט אונז פארענטפערן די שאלות:

”ואולם לפי הדומה, אין במשמע שאם בא ישראל אחד והתחיל והרשיע לצער חברו בדברים הרעים, שלא יענהו השומע, שאי אפשר להיות האדם כאבן שאין לה הופכים, [א מענטש מוז נישט זיין אזוי ווי א שטיין וואס מ'איז אים מצער און ער ענטפערט נישט] ועוד שיהיה בשתיקתו כמודה על החירופין, [ווען ער שווייגט זעהט עס נאך אויס אז ער איז מסכים צו דעם] ובאמת לא תצוה התורה להיות האדם כאבן שותק למחרפיו כמו למברכיו, [די תורה האט אונז נישט געהייסן צו שווייגן פאר ווער ס'טשעפעט אונז] אבל תצוה אותנו שנתרחק מן המדה הזאת, [נאר מ'זאל זיך דערווייטערן פון די סארט וועג] ושלא נתחיל להתקוטט ולחרף בני אדם, ובכן ינצל אדם מכל זה”

”ויש לנו ללמוד דבר זה שמותר לו לענות כסיל לפי הדומה, מאשר התירה התורה הבא במחתרת להקדים ולהורגו, שאין ספק שלא נתחייב האדם לסבול הנזקין מיד חברו, כי יש לו רשות להנצל מזה, וכמו כן מדברי פיהו אשר מלא מרמות ותוך, מכל דבר שהוא יכול להנצל ממנו”. [אזוי ווי א מענטש מעג זיך ראטעווען פון איינער וואס קומט אים הרגענען, אזוי מעג זיך אויך א מענטש ראטעווען פון איינער וואס קומט אים טשעפען און ער מוז נישט ליידן פון אים]

”ואולם יש כת מבני אדם שעולה חסידותם כל כך, שלא ירצו להכניס עצמם בהוראה זו להשיב חורפיהם דבר, ועליהם אמרו חז”ל הנעלבין ואינם עולבין שומעין חרפתם ואינם משיבין עליהם הכתוב אומר ”ואוהביו כצאת השמש בגבורתו”. [ס'איז אבער דא מענטשן אין א הויכע מדרגה וואס קענען פארשווייגן און פארטראגן אויך ווען מ'טשעפעט זיי, און זיי ענטפערן נישט אויף זיי רעדט די גמרא די פסוק ואוהביו וגו']

דער ספר החינוך שרייבט דא, אז פונקט אזוי ווי איך מעג גיין צום דאקטער ווען עפעס טוהט מיר וויי און איך מוז נישט ליידן, און פונקט אזוי ווי איך מעג אוועק טרייבן א גנב פון מיין שטוב ער זאל מיר נישט מאכן שאדן'ס און גנב'ענען, פונקט אזוי מעג איך אויך פארטרייבן א מזיק וואס קומט מיר מזיק זיין מיט זיין מויל, און איך מוז נישט ליידן.

ריכטיג ס'איז טאקע דא א הויכע מדרגה פון ”הנעלבין ואינם עולבין” - מענטשן וואס שווייגן אויך ווען מ'באליידיגט זיי, דאס איז זייער א וויכטיגע און א גרויסע זאך, אבער דאס איז ווען איך וועהל אויס צו זיין אזוי, ווען איך ארבעט מיך אויס מיינע מדות און איך בין אין אזא מדרגה אז ווען ער פארשעמט מיר ווער איך גאר נישט צושטערט, און נישט ווען איך שווייג ווייל איך האב מורא פון יענעם, און ווען איך שטיי נישט אין די מדרגה נאר איך האלט מיך איין און איך עס מיך אויף פון אינעווייניג, דעמאלס איז נישטא קיין שום ענין צו ליידן און צו שווייגן.

ס'איז דא צדיקים וואס פייניגן זיך מיט סיגופים און מיט תעניתים, דאס איז א הויכע מדרגה, אבער ס'זאגט נישט אז אויב איך האב יסורים מוז איך ליידן ווייל אזוי איז די וועג פון די צדיקים, דאס הייסט אז יעדער איינער זאל זיך פירן לויט זיין מדרגה.

דאס הייסט אויב אזוי, אז ווען יענער פארשעמט מיר אדער טשעפעט מיר, און איך קען אין מיין הארץ אים ממש מוחל זיין און נישט האבן אויף אים קיין שום קפידא, איז בין איך אין א הויכע מדרגה.

אבער אויב ס'טוהט מיר יא וויי און ס'שטערט מיר אינעווייניג, און איך האלט מיך איין כדי מ'זאל מיינען אז איך בין א צדיק, אדער ווייל ס'פאסט נישט צו ווייזן פאר אנדערע אז ס'שטערט מיר, (מ'קען נאך מיינען אז איך בין א נארמאלע מענטש) אדער ווייל איך האב פשוט מורא צו ענטפערן, דא האב איך נאר מזיק געווען מיר אליין, איך האב קיין שום גוטע זאך נישט געטוהן, איך שלינג איין אין מיר ווייטונג'ס און פארביטערקייט, די שלעכטע געפילן מאכן א חורבן אין מיין נפש, און ס'וועט ארויס פלאצן מיט די צייט, די פראבלעם איז נאר אז אין אזא פאל פלאצט עס ארויס אויף די פאלשע פלאץ און נאר איך לייד פון דעם שפעטער.

מסקנת הדברים, ווען איינער טשעפעט מיר, האב איך א קלארע היתר אים אוועק צו שטעלן אויפן פלאץ ער זאל מיר אויף הערן צו טשעפען, איך בין נישט מחוייב צו ליידן פון יענעם, ס'איז א חלק פון עבודת המידות איך זאל ארבעטן אויף מיר איך זאל נישט ווערן צושטערט, אבער כל זמן איך ווער צושטערט פון יענעם מוז איך אים דאס זאגן און איך מוז פראבירן דאס אפ צו שטעלן, ערשטנס כדי נישט צו האלטן א שנאה אין די הארץ קעגן יענעם, און צווייטנס כדי איך זאל נישט ליידן אינעווייניג און שפעטער זאל עס פלאצן אויף א אנדערע מענטש און אין א אנדערע פלאץ.

און וואס איז מיט לא תיקום?

אין חושן משפט הלכות נקמה סימן תכ”א שטייט: ”אם חבל אדם בחברו והמוכה חבל במכה פטור, שיש לן רשות לשני לחבול בו כדי להציל עצמו” הג”ה וכן הוא לעניין גידופים וביושים”.

דער שו”ע פסק'נט אז ווען איינער שלאגט מיר און איך געב אים צוריק, נישט מיט א כוונה פון נקמה נאר איך וויל מיר פשוט ראטעווען פון יענעם בין איך נישט עובר אויף ”לא תקום”, און דער רמ”א לייגט צו אז אזוי אויך ווען איינער טשעפעט מיט זיין מויל מעג איך אים צוריק ענטפערן כדי אים שטיל צו מאכן, און ס'איז נישטא

אין דעם א איסור.

פון די אנדערע זייט פארשטייט זיך אז ווען איינער וועהלט אויס שטיל צו זיין בשעת א קריג און נישט ענטפערן איז ער זוכה צו זיין פון די "ואוהביו" כצאת השמש בגבורתו".

די פראבלעם איז אבער אז אויב איך ענטפער יענעם און איך גיי אריין אין א ויכוח מיט אים ווערט דאס נאך אסאך מאל ערגער, און דער רודף האט נאך יעצט א תירוץ אז איך האב אויך געטשעפעט מיט אים און איך בין א חלק פון די גאנצע מלחמה.

איז נישטא א וועג צו פארדינען אלעס צוזאמען? אויך שווייגן ביי א קריג און אויך יענעם אוועק שטעלן אויפן פלאץ?

אי"ה נעקסטע וואך...

## המשך מעמוד ב'

און מיר האבן מחליט געווען אז מיר ווילן אויך זיין א זעלכע אמת'דיגע און שטאלצע יידן.

מיר האבן זיך גענומען לערנען און זיך שטארקן אין יידישקייט - אזוי ווי די משפחה ווייסט שוין.

און יעצט האבן מיר דא איינגעלאדענט דער חשובע ר' מענדל וואס א דאנק צו זיין שטאלצע יידישקייט האבן מיר זוכה געווען צו האבן א ערליכע יידישע לעבן, און מיר בעטן דיר ר' מענדל צו זינגען דא היינט אלע ניגונים וואסט דו וואלסט געדארפט צו זינגען ביי אונזערע חתונה, און פארשטייט זיך אז די גאנצע געלט וואס דו האסט פארלוירען ווען מיר דיר צוריק צאלן.

*

כלל ישראל איז געגאנגען גלות נאך די ערשטע בית המקדש, די יודן זענען אנגעקומען צו די גרויסע לאנד בבל און זיך באזעצט אין די חשוב'ע שטאט שושן, שושן איז געווען א גרויסע און א שיינע שטאט א קעניגליכע שטאט, ס'האבן זיך דארט געדרייט אלע חשוב'ע גויים, די גוישקייט האט געגלאנצט פון אלע זייטן, בעסערע מענטשן האבן דארט געפירט זייערע געשעפטן, די צענטער פון די וועלט.

זייער אסאך האבן זיך פראבירט אנצוקלעבן אין די גלאנץ, זייער אסאך האבן פראבירט צו געפעלן פאר די אלע שרים און די אחשדרפנים וואס האבן אן געפילט די שטאט און זיך געדרייט אין בית המלכות, און צווישן זיי זענען אויך געווען אסאך יודן וואס האבן זיך געטראפן די געלעגנהייט צו מאכן גוטע געשעפטן מיט די מלוכה, און צו בויען גוטע פארבינדונגען מיט די גויים.

ווען אחשורוש האט געמאכט די גרויסע סעודה, האבן זיך די יודן זייער געפרייט, ענדליך וועט מען קענען זיך דערנענטערן מיט די אנדערע פעלקער, מ'וועט נישט זיצן אזוי אין די זייט אזוי ווי נעבעכדיגע יודן, ענדליך וועלן מיר קענען זיין אזוי ווי אלע, מ'וועט קענען זיצן און עסן און טרינקען און פארברענגען מיט אלע גויים צוזאמען, מיר זענען גלייך אויף גלייך און זיך צושפירן גלות'דיגע יודן, פארשטייט זיך אז מ'דארף זיך דארט אנטוהן ווי ס'פאסט און לאכן און רעדן אזוי ווי ס'פאסט זיך אין אזא פלאץ, מ'זאל נישט באמערקן אז איך בין א צוריק געבליבענער יוד.

אחשורוש האט געוואוסט פונקטליך וואס ער טוהט ער האט געהאט א קלארע פלאן ווי אזוי אוועק צו רייסן די יידן פון כלל ישראל, דאס איז געווען א קלארע מערכה וואס ער האט דא געפידרט צוזאמען מיט המן, ווי אזוי אראפ צו נעמען די יידן פון זייערע יידישקייט.

אבער "איש יהודי היה בשושן הבירה" ס'איז געווען איין מענטש וואס ער איז געווען א "איש יהודי" זיין גאנצע מהות האט ארויס געשריגן איש יהודי, איך בין א יוד איך וויל זיין א יוד און איך זיך זיי נישט צו געפעלן, און אזוי ווי דער מדרש זאגט "אל תקרי יהודי אלא יחידי" אז מרדכי איז געווען א יחיד א איינציגער אין די וועג, מרדכי האט נישט מורא געהאט צו שטיין אליין א איינציגער אנטקעגן די גאנצע אטמאספער און שטיין שטאלץ מיט זיין יידישקייט, און וועגן דעם האט מרדכי געזעהן און פארשטאנען די גרויסע חורבן וואס גייט דא ארויס קומען און געגאנגען אנווארענען די יודן נישט צו גיין צו די סעודה פון אחשורוש.

אבער כלל ישראל האבן אים נישט געפאלגט, און זיי זענען יא געגאנגען צו די סעודה, און נישט נאר געגאנגען נאר "נהנו מסעודתו של אותו רשע" זיי האבן הנאה געהאט צו זיין א חלק פון די סעודה זיי האבן הנאה געהאט צו צוברעכן די יידישע חומה אין זיך דערנענטערן צו די גויים, זיי האבן הנאה געהאט צו זיין "אפען" און נישט אזוי פארמאכט און פאנאטיש אזוי ווי מרדכי.

און דאס איז געווען זייער חורבן, דאס איז געווען די גרויסע פראבלעם פון די יידן, די עסן איז טאקע געווען כשר, אבער די מטרה פון די עסן איז געווען טריפה, אחשורוש האט זיי געוואלט אריין מישן מיט די גויים און זיי האבן זיך געלאזט און זיי האבן נאך הנאה געהאט פון דעם, זיי האבן פארלוירען זייערע יידישע שטארקייט און זייערע יידישע שטאלצקייט מיט זיין א ערליכער יוד.

דאס האט רבי שמעון בר יוחאי ערקלערט זיינע תלמידים, די עבירה פון די יידן איז געווען שנהנו מסעודתו של אותו רשע, זיי האבן הנאה געהאט צו זיין מיט'ן גוי, און נישט נאר דאס אליין נאר זיי האבן זיך געביקט און זיך אונטער געגעבן צום צלם פון נבוכדנצר, זיי האבן זיך אונטער געגעבן צו די גוישע בליק און צו די גוישע לעבן, זיי האבן פארלוירען זייער שטאלצקייט און שטארקייט און זיין א יוד, און אזא מצב איז שוין נישטא א וועג ווי אזוי זיי צוריק צו ברענגען אן צו מאכן א גזירה.

[לויט דעם קען מען אויך פארשטיין דעם פסוק אין מגילה "לעשות כרצון איש ואיש" זאגט דער מדרש אויף דעם צו מאכן דעם רצון פון המן און פון מרדכי וואס ווערן אנגערופן "איש", לכאורה איז שווער ווייל ס'איז געווען דארט נאך טויזנטע מענטשן וואס האבן געהאט פארשידענע רצונות איז פון ווי נעמט מען צו זאגן אז מ'מיינט זיי ביידע? נאר די אמת איז געווען אז נאר המן און מרדכי האבן טאקע געוואוסט וואס איז דא די מטרה פון די סעודה, נאר זיי ביידע האבן געוואוסט אז די מטרה איז חרוב צו מאכן כלל ישראל, און טאקע פארדעם האט מרדכי אזוי מלחמה געהאלטן, אלע אנדערע מענטשן האבן זיך איינגערעדט אז מ'מיינט דא נאר זייער טובה און זיי זענען געקומען הנאה צו האבן פון די סעודה.]

די גרויסע קלקול פון כלל ישראל האט זיך אנגעהויבן מיט זיך אונטער צו געבן צו די גוישע לעבן זוכן חברים אינדרויסן, מיט גיין זיצן און פארברענגען מיט די גויים ביי זייערע סעודות, וועגן דעם האט אסתר געבעטן מרדכי אויב מיר ווילן ארויס גיין פון די צרה "לך כנוס את כל היהודים" נעם צוזאם אלע יודען גאנץ כלל ישראל זאל צוריק קומען אין זיין צוזאמען, זיי זאלן אלע ארויס ווייזן אז יא, מיר זענען אלע צוזאמען, מיר פאסטן צוזאמען, מיר וויינען צוזאמען, מיר באהאלטן נישט מער אונזערע יידישקייט, מיר האלטן זיך יידן מיט יידן אלע צוזאמען אן זיך צו זוכן אינדערוסנדיגע חברים, דאס וועט זיין א תיקון צו די קלקול וואס זיי האבן געמאכט ביי די סעודה און דורך דעם וועט מען אפשר קענען מבטל זיין די גזירה.

און דאס איז דער ענין פון "משלוח מנות איש לרעהו" נישט פאר די גויים נאר "איש לרעהו", און אזוי אויך "מתנות לאביונים" אויף בויען די נאנטקייט צווישן די יידן, פארשטארקן די מסגרת פון די יידן צווישן זיך, מ'זאל אויף הערן צו זיכן די גרויסע מציאות ביי די גויים און אריין קוקן ביי אונז אין אונזערע מחנה אינעווייניג און זעהן ווי קען איך מיך שטארקן מיט יענעם צוזאמען און מחזק זיין די יידישע לעבן, דאס איז די תשובה אויף דעם חורבן וואס אחשורוש און המן האבן געוואלט ברענגען אויף כלל ישראל.

הגליון יוצא לאור ע"י
מכון מחשבת החינוך
הדרכה • יעוץ • הכוונה
לונדון יצ"ו

07341.479.294
khachinuch@gmail.com
36 Castewood RD.N16 6DW